# פרשת נח ל' תשרי - ו' חשון תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת נח***

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***יום שני פרשת נח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום שלישי פרשת נח***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת דייטש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יודל דייטש** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר חיים העללער הי"ו:** מארגען (ג' חשון) איז די יארצייט פון מיין זיידע דער **שימאני'ער רב זצ"ל**. איך האב נעכטען געזעהן ווי ער טייטשט, אז נח האט אריינגעברענגט אין תיבה די אלע בהמות טהורות. און רש"י (בראשית ז-ב) זאגט, מכאן שלמד נח תורה. זאגט ער, פון וואו איז די ראיה אז נח האט געלערנט תורה. זאגט ער, פון וואו האט נח געוואוסט וועלכע איז טהור און וועלכע איז טמא, נאר עס איז די א גמרא, אז אויב מען לערנט תורה לשמה, קען מען וויסן אויף א בהמה פארן שחט'ן, צו עס וועט זיין כשר, צו עס וועט זיין טריפה. דער זיידע שרייבט אויף א פלאץ, אז ער האט אלץ געוואוסט פארן שחט'ן, וועלכע בהמה איז כשר, און וועלכע בהמה וועט זיין טריפה. אזוי שרייבט ער אויף זיך.

מען פארציילט א מעשה, אז רבי משה יוסף האפמאן, דער דיין אין פאפא, האט נישט געגעסן נאר פון א בהמה וואס דער שוחט האט געוויזען דעם מעסער פארן שימאני'ער רב. עס איז געווען אמאל א מעשה, וואס דער שוחט איז שוין געווען גרייט צו שחט'ן, און דער שימאני'ער רב איז נישט דארט געווען, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, דער דיין עסט נישט, נאר ווען מען ווייזט דעם חלף פארן שימאני'ער רב. און עס האט נישט געדויערט א מינוט, און די בהמה האט זיך ארויסגעריסן פון פלאץ, און עס איז אנטלויפן, און ווילאנג מען איז אים נאכגעלאפן און געכאפט, איז דער שימאני'ער רב אנגעקומען, און ער האט באקוקט דעם חלף, און נאכדעם האט זיך דער בהמה געלאזט שחט'ן. זאגט ער, אז היינט ווען מען לערנט תורה לשמה, קען מען וויסן פארן שחט'ן, צו די בהמה וועט זיין כשר צו נישט.

**רבינו:** עס איז א **דרכי משה** (יו"ד סימן לה), אז ווען מען לייגט ארויף די האנט, קען מען זעהן[א].

**הר"ר חיים:** ווען ער האט געזעהן אויפן מעסער דעם שם הוי"ה, האט ער געוואוסט אז עס איז א כשר'ע מעסער, און מען קען מיט דעם שחט'ן. ער איז געווען א איש פלא.

**א' מהנוכחים:** יצחק האט געזאגט, מה זה מהרת למצוא בני, און יעקב האט געענטפערט, כי הקרה 'ה' אלקיך' לפני (בראשית כז-כ), ער האט געזעהן דעם שם הוי"ה. (כן כתוב בספר **טל חיים**, **ובאור פני יהושע** (ליקוטי מאמרים בסוף הספר).

**הר"ר חיים:** ער איז אוועק ממש פארן קריג, אז א יוד זאל קענען אזוי זאגען. פאריגע וואך האט מיר א יוד פארציילט, אז עס איז געווען א יוד פונעם שטאט פאפא, וואס איז געווען בשכינות, וואס האט געדארפט גיין אויף דיאליזע"ז, עס האט נישט געארבעט די נירן, און דעמאלטס אינדערהיים איז נישט געווען וואס צו טון. האט אים איינער געזאגט, גיי צום שימאני'ער רב. איז ער געגאנגען צום זיידען, און ער האט געזאגט פארן זיידען וואס זיין פראבלעם איז, און וואס די דאקטורים זאגען. עס איז געווען א דינסטאג, זאגט אים דער זיידע, איך האב פאר דיר א רפואה. ער איז אריין אין די קאך, ער האט געהאט אוועקגעלייגט טשאלענט פון שבת, און ער האט אים אנגעווארעמט די טשאלענט, און ער האט אים געהייסען אז ער זאל עס אויפעסן. ער

---

[א] וזה לשונו: מצאתי כתוב בשם **הר"ר יהודה חסיד** שאמר שיש להעביר ולמשמש היד על גבי בהמה בעודה חי, אם תשפיל לארץ תחת ידו ודאי כשרה, ואם לאו טריפה. ונתתי בו סימן, לב נשבר ונדכה וכו' (תהלים נא-יט), ושפל רוח להחיות (ישעיה נז-טו) עכ"ל **תשב"ץ**. ועיין **בתורת משה חתם סופר** (פ' נח ד"ה מן הבהמה).

האט אויפגעגעסן די טשאלענט, און דער יוד איז געזונט געווארן, און ער האט אדורכגעלעבט די קריג, און ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און ער איז אוועק א פאר יאר צוריק.

**הר"ר יודל דייטש הי"ו:** מיין טאטע שרייבט די זעלבע זאך אויף מיין פעטער ביי **רבי ישעי'לע קערעסטירער זצ"ל**. דער זיידע רבי שמואל אהרן (דייטש ז"ל) האט געהאט א איידעם וואס געהאט צוטון מיטן מאגען. און מיין זיידע רבי שמואל אהרן איז געווען דער שוחט אין קערעסטיר, און רבי ישעי'לע האט געהייסען אז ער זאל קומען צו מלוה מלכה, און ער האט אים געגעבן צו עסן א טעלער טשאלענט. מיין זיידע האט אויף אים אכט געגעבן א גאנצע נאכט, ווייל ער האט מורא געהאט וואס עס גייט געשען מיט אים. און עס איז אדורכגעגאנגען יארן, און ער האט קיינמאל נישט געהאט צוטון מיטן מאגען. איינמאל צופרי איז ער אויפגעשטאנען און ער האט געפילט די מאגען, דעמאלטס האט ער געוואוסט אז רבי ישעי'לע איז אוועק.

**רבינו:** מיין שוויגער האט געהאט א שוועסטער, וואס האט געוואוינט אין בעסערמין, און זי האט נישט געהאט קיין קינדער, און זי האט געהאט נאך חבר'טעס וואס האבן נישט געהאט. און דער שימאני'ער רב האט אמאל נאך די הייליגע טעג געשריבען א בריוו, א פאסט קארטעל, פאר איינעם פון די חבורה, אז דעם ראש השנה האב איך אויסגע'פועל'ט פאר אכט עקרות, און דיין ווייב וועט זיין איינע פון זיי.

**הר"ר חיים:** הרב אונגאר דער רב פון חוג חתם סופר שרייבט, אז ער האט געוואוינט נעבן שימאני, און אמאל האט ער געדארפט פארן מיט די באן קיין פעסט, און ער האט געדארפט איבערשטייגען צו א צווייטע באן, און ער האט געדארפט ווארטען צוויי שעה. און דארט ווי ער האט איבערגעשטיגען האט ער געהאט א פעטער, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט גיין באזוכען דעם פעטער. ווען ער איז אריין צו זיין פעטער, דערציילט ער אים, אז ער האט די וואך באקומען א פאסט קארטעל פונעם שימאני'ער רב, און ער שרייבט אים, אז פרייטאג צו נאכטס איז א סגולה איינצוטינקען די מוציא אין קידוש וויין, און עס איז זייער גוט פאר די וואס ליידען אויפן הארץ. זאגט ער, איך האב קיינמאל נישט געהאט צוטון מיטן הארץ, מן הסתם איז עס א טעות. ווען דו גייסט אהיים, זאלסטו מוחל זיין אים גיין זאגען, אז עס איז געקומען על פי טעות. האט ער געזאגט פיין, און ער איז געפארן ווייטער קיין פעסט. אויפן וועג אהיים איז ער נאכאמאל שטיין געבליבען אין דעם שטעטל, און ער איז נאכאמאל ארויף צו דעם פעטער. זאגט ער אים, עס האט זיך שוין געטוישט די גאנצע מעשה. דעם פרייטאג צו נאכטס, אינמיטן די נאכט, האב איך געפילט ווי די הארץ דרוקט מיך, עס איז שוין געווען אויסגעלאשן די לעכט, און איך האב אויפגעוועקט מיין בני בית, או איך האב איר געזאגט, גיי זוך צו דו טרעפסט נאך אביסל חלה, און טינק עס איין אין וויין. און זי האט גענומען חלה און איינגעטינקען אין וויין, און אריינגעשטופט אין מויל, און פון דעם איז ער געזונט געווארן. ווען דער דאקטער איז געקומען זונטאג, האט ער אים געזאגט, דו האסט געהאט א הארץ פראבלעם, און אלעס איז אוועק, מען זעהט שוין גארנישט.

**רבינו:** זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

*

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה (הל' שבת דיני בורר סימן שי"ט).

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מאיר זעליג ריספלער** ע"ה.

*

***יום רביעי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר דוד טאבאק** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. – אצל החופה נפגש **רבינו שליט"א** עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, וקיבל פניו בברכת שלום.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בנימין הלל גרינוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי לוי יצחק לייפער שליט"א אב"ד** טעמישוואר, עב"ג בת **הרה"ג רבי יחזקאל הורוויץ שליט"א** מדזיקוב וומסב"ג, שהתקיים באולם עטרת אסתר.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה אברהם פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפעריאל.

כמו כן חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, ולהחתונה של בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת נח</u>***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה, ושיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יוסף אלי' קנאפפלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יחיאל ברוך כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת בערקאוויטש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יעקב בערקאוויטש** הי"ו).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר יעקב בערקאוויטש הציג את הר"ר שלמה יוסף ווייס הי"ו, שהיה ההויז בחור האחרון של הרה"ק מסאטמאר זי"ע.**

**רבינו:** גדולה שימושה יותר מלימודה (ברכות ז:).

**הר"ר שלמה יוסף:** ער האט אלץ פראבירט צו ווייזען אז ער איז מיר שולדיג, און נישט איך אים. ער האט מיר אמאל געזאגט, פריוואט אין שטוב, 'מען האט זיך אריינגענארט אין מיר'.

ווען דער רבי איז ארויסגעקומען אינדערפרי, האב איך געדארפט מיטקומען. פלעגט ער זאגען, איך בין טאקע אויפגעשטאנען, אבער דו ביזט דאך א יונגער בחור, און דו דארפסט נאך שלאפן, לייג דיך דא אראפ אויפן דיוואן.

ער פלעגט אלץ זאגען, קיינער איז נישט שולדיג אויף מיין מצב, איך אליין בין שולדיג דערויף, איך בין ערגער פון יעדן איינעם.

דעם פחד וואס מען פלעגט זעהן אויף די דאקטורים ווען זיי זענען אריינגעקומען די ערשטע מאל, און זיי האבן געזעהן דעם רבי'ן. זיי האבן נאך אזא צורה נישט געזעהן. יעדע חודש פלעגט קומען א פוס דאקטער, מען פלעגט אכט געבן עס זאל נישט ווערן א רויז חלילה, צו אמאל א נעגעלע, איך פלעג אים רופן יעדע פיר וואכן אין א באשטימטע צייט. איינמאל איז ער געווען אוועקגעפארן אויף צוויי וואכען, האב איך געפרעגט די רעבעצין, אז מען זאגט אז עס איז דא א פארטרעטער אין דעם אפיס וואס האט זייער א גרינגע האנט. האט זי געזאגט, עס איז נאר א פוס דאקטער, ער קען קומען. ער קומט אן צו די באשטימטע צייט, ער קלאפט אויפן טיר, און איך זאג פארן רבי'ן אז דער פוס דאקטער איז דא. דער רבי האט זיך אנגעלאנט אויפן דיוואן, איך מאך אויף די טיר, און ער פרעגט מיך, ווער איז דער פאציענט. איך ווייז אויפן רבי'ן. ער גיט א קוק, זאגט ער אין ענגלי"ש, 'איי עם ליווינג'. פרעג איך אים, וואס איז. זאגט ער מיר, ער איז צו א הייליגער מענטש, איך האב מורא אים אנצורירן. און דער רבי זעהט ווי איך שמועס מיט אים. אין פארנט פון רבי'ן האט מען נישט געקענט א ווארט רעדן. פרעגט מיך דער רבי, וואס שמועסט מען, פארוואס גייט מען נישט צו צום ענין. זאג איך פארן רבי'ן, אז ער זאגט אז דער רבי איז זייער א הויכע מענטש, און ער וויל נישט צוגיין. זאגט מיר דער רבי, ער ווייסט נישט וואס ער רעדט. נאכדעם זאגט מיר דער דאקטער, אקעי איך וועל עס יא טון. ער האט עס געענדיגט, און ער האט אריינגעליגט די כלים אין זיין רענצעל, און ער איז אנטלאפן, ער האט נישט געוואלט צוריקקוקען.

עס איז געווען א מאגען דאקטער פון באלטימאר וואס פלעגט קומען איינמאל א יאר, און פלעגט פשוט זיצען און הנאה האבען צו קוקען. ער פלעגט קלאפן אויפן טיר, איך וויל נאר קוקען. ער שטייט און קוקט, און ער וויל זיך עפעס אויסדריקען פארן רבי'ן, זאגט ער פארן רבי'ן, רבי, גאט האט אייך ליב. דער רבי האט אנגעהויבן צו שמייכלען, ער ווייסט וועם גאט האט ליב?!

**רבינו:** איך האב געזעהן טייטשען, ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו (בראשית ה-כד), חנוך איז געווען גאר

דערהויבן, אבער 'ואיננו', פאר זיך איז ער געווען גארנישט.

**הר"ר שלמה יוסף:** ביים רבי איז נישט געווען אז די גבאים האבן געזאגט, יעצט לאזט מען אריין, און יעצט נישט. נאר ער האט געפירט די גאנצע סדר היום, פון פארטאגס ביז ביינאכט. איינמאל נאכמיטאג זאגט מיר דער רבי, מען קען אריינלאזן. ער פלעגט זאגען, גיי צו די טיר און געב א קוק צו עס שטייען אפאר נארנים ביי די טיר. עס איז געווען א גרויסער עולם יענע נאכט, זאגט מיר דער רבי, אזויפיל נארנים זענען דא?! אפאר טאג שפעטער איז געווען זייער א קאלטע טאג מיט שניי, און דער רבי האט מיר געשיקט צו די טיר, און קיינער איז נאכנישט געווען. זאג איך פארן רבי'ן אז עס איז ליידיג. זאגט מיר דער רבי, אזוי, געלויבט השי"ת אז זיי זענען געקומען צום שכל...

**רבינו:** די וועלט זאגט נאך, אז **רבי שלמה'לע סאסוב'ער**, איז געווען א מומחה צו היילן משוגעים, און אלע משוגעים פלעגן פארן קיין סאסוב. און ער איז געווען א מחותן מיטן **קדושת יום טוב**, רבי ליפא'לע'ס (טייטלבוים זצ"ל מסאסוב) פאטער, רבי העניך, דער **קערעצקי'ער רב**, איז געווען זיינס א אייניקל, און איז געווען א איידעם ביים קדושת יום טוב. און רבי שלמה סאסוב'ער איז געקומען אמאל אויף א חתונה קיין סיגוט, און דער גאנצער עולם איז געגאנגען מקבל פנים זיין דעם רבי שלמה. דער קדושת יום טוב האט געוואלט גיין דאווענען מנחה, האט ער נישט געהאט קיין מנין, ווייל יעדער איז אוועקגעגאנגען. שפעטער האט זיך דער קדושת יום טוב געטראפן מיט רבי שלמה'לע סאסובער, האט ער אים געזאגט, אז די וועלט זאגט אז אלע משוגעים גייען אויף סאסוב, זאגט ער פארן מחותן, איך האב זייער מורא אז די פאר משוגעים וואס קומען צו מיר, אז איר וועט זיי אויסהיילן, דעמאלטס האב איך נישט מער קיין מנין. זאגט אים רבי שלמה'לע, חסידות איז אזא משוגעת וואס א גרויסער רבי קען עס אויך נישט היילן...

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יוסף אלי' קנאפפלער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***ערב שבת קודש פרשת נח***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש נייפעסט. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שמעון ישראל רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (בראשית ו-ט) אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו. נח איז געווען א צדיק תמים אין זיינע דורות. רש"י זאגט אז תולדות נח מיינט צו זאגען, די עיקר תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים. אלה תולדות נח, די תורה רעכנט אויס די מעלות, די מעשים טובים, וואס נח האט געהאט. דער **אור החיים הק'** טייטשט אויס, אז נח איש צדיק תמים, איז יעדע ווארט א עקסטערע מדריגה, וואס נח האט געברענגט טובות אויף די וועלט.

**די** ערשטע ווארט, אלה תולדות נח, נח, זאגט דער אור החיים הק', אז רש"י זאגט אויבן (ה-כט) אז ווען נח איז געבוירן געווארן, האט מען אים א נאמען געגעבן נח. מען האט געזאגט זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו, ער וועט אונז רואיג מאכען פון אונזערע מעשים, פון דעם וואס מען איז צוגעלייגט. נח וועט ברענגען א נייח פאר די וועלט, ביז דעמאלטס איז נישט געווען קיין כלי מחרישה, און נח האט געמאכט כלי מחרישה. דאס איז 'מעשנו', אז מען האט נישט געדארפט ארבעטן מיט די הענט, און מען האט געהאט די מחרישה וואס ער האט צוגעשטעלט. 'ומעצבון ידינו', מען פלעגט אנבויען חטים, און עס איז נישט געוואקסען חטים, עס האט געוואקסען אנדערע זאכען, זונין. און ווען נח איז געקומען האט אנגעהויבן צו וואקסען געהעריג.

**זאגט** דער אור החיים הק', אלה תולדות נח, די מעשים טובים וואס נח איז געווען, נח, ער האט געברענגט א רואיגקייט אויף די וועלט, אז אלעס איז צוריקגעגאנגען צו דרך הטבע. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז געווען טוב מאוד. ווען אדם הראשון האט געזינדיגט איז נתקלל געווארן די אדמה. ווען נח איז געקומען אויף די וועלט, איז אוועקגעגאנגען די קללה וואס איז

געוועזן, די אדמה האט זיך בארויגט. אזוי שטייט אין אור החיים הק'.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא יא), און מען ברענגט עס אויך צו פונעם זוהר הק' (ח"א נח:), אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון ארורה האדמה בעבורך (ג-יז), אז די ערד וועט ווערן פארשאלטען, האט אדם הראשון געפרעגט דעם אייבערשטען, ווילאנג וועט אנהאלטען די קללה פון ארורה האדמה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו ביסט געבוירן געווארן גע'מל'טערהייט, ווען עס וועט געבוירן ווערן נאך איינער גע'מל'טערהייט, דעמאלטס וועט בטל ווערן די קללה. ווען נח איז געבוירן געווארן, איז ער געווען א נולד מהול, האט מען שוין תיכף פארשטאנען אז ער וועט זיין דער וואס וועט אראפנעמען די קללה פונעם אדמה, האט מען אים א נאמען געגעבן נח, זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו. לכאורה איז דאך א פלא, ווי אזוי קען מען זאגען תיכף אז מען גיט אים א נאמען נח ווייל זה ינחמנו, ווייסט מען דען וואס עס וועט זיין שפעטער? אבער אז מען האט געהאט א סימן פאר דעם, אז ווער עס וועט געבוירן ווערן נולד מהול ביי דעם וועט זיך אויפהערן די קללה, און ער איז געווען דער ערשטער וואס איז נולד מהול נאכדעם, איז זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו, עס וועט יעצט אראפגיין די קללה פון די אדמה.

**וואס** אין פשטות זעהט אויס, וואס האט צוטון נולד מהול, אז דעמאלטס וועט אראפגיין די קללה פון די ערד. ווייל ערלה דאס איז דאך רעה, און מילה דאס איז טוב. דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, אלקים עשה את האדם ישר (קהלת ז-כט), איז ער באשאפן געווארן מהול, אן א ערלה, אן קיין רע, ער איז באשאפן געווארן כולו טוב. - מען זעהט ביי משה רבינו, ותרא אותו כי טוב, דרשנט די גמרא (סוטה יב.) אז ער איז געווען נולד מהול. וואס האט צוטון 'טוב' מיט נולד מהול? נאר ווייל ערלה דאס איז דער רע, און אז מען ווערט געבוירן אן דעם רע, איז ותרא אותו כי טוב הוא, האט מען נאר געזעהן דעם חלק הטוב. - ווען אדם הראשון האט געזינדיגט, איז נתערב געווארן טוב ברע, איז צוגעקומען א ערלה. און אז עס האט זיך אויסגעמישט רע בטוב, דארף מען אוועקנעמען דעם רע. האט דער אייבערשטער געזאגט, ווען עס וועט קומען א צדיק וואס וועט זיין נולד מהול, איז א סימן אז ביי אים איז שוין נישט דא קיין רע, עס איז שוין אפגעטיילט געווארן די רע פונעם טוב, דעמאלטס איז מתוקן געווארן, און די ערד וועט צוריקקומען צו איר מעלה וואס זי האט געהאט פאר דעם.

**עס** איז ניתן להאמר, אז קין און הבל זענען אויך געווען נולד מהול. אזוי ווי ערלה איז ערשט געקומען נאכדעם וואס אדם הראשון האבן געזינדיגט, און דעמאלטס איז נתערב געווארן טוב ברע, און קין און הבל זענען געבוירן געווארן קודם החטא, דעמאלטס איז נאך געווען די וועלט בשלימות, זענען זיי אויך געווען נולד מהול אזוי ווי אדם הראשון. נאכן חטא האט דער אייבערשטער געזאגט, אז ווען עס וועט געבוירן ווערן א צדיק וואס וועט זיין נולד מהול, איז א סימן אז עס איז מתוקן געווארן, און דעמאלטס וועט אוועקגיין די קללה פון די ערד.

**מילה** ווערט אנגערופן תמים, התהלך לפני והיה תמים (יז-א). נח איז געווען א צדיק 'תמים', ער איז א צדיק וואס איז געבוירן געווארן תמים. מיר דארפן זיך מל'ן צו זיין תמים, אבער נח איז געווען א צדיק תמים. און ווייל ער איז געווען נולד מהול, וועגן דעם האט ער געהאט דעם כח, אז ווען ער איז געבוירן געווארן, איז אראפגעגאנגען די קללה פון די ערד, און עס איז צוריק געווארן נח פאר די וועלט.

**אלה** תולדות נח נח, די מעשים טובים פון נח איז געווען נח, אז ער האט געברענגט א נייח אויף די וועלט. פארוואס עפעס פונקט נח האט געברענגט די נייח אויף די וועלט, ווייל איש צדיק תמים היה בדורותיו, ער איז געווען דער ערשטער צדיק תמים וואס איז געווען בדורותיו, וואס איז געווען א נולד מהול, וועגן דעם האט ער געקענט צוריקברענגען אז עס זאל זיין א נייח אויף די וועלט.

*

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מ**הרה"ק רבי נחום מטשערנאביל זי"ע, בעל מאור עינים** (לרגל היומא

הילולא ביום י"א חשון). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **אליהו** ני"ו בן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הגה"צ רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר ירושלים (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי נחמן כהנא שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש קיט"ל ד'סאטמאר.